שעפֿעריש שרײַבן איז אויך אַ סאָרט ספּאָרט : צי בײַם נאָכלויפֿן ווערטלעך אַנטלויפֿנדיקע געפֿילן, צי בײַם קלעטערן אויף די צווײַגן פֿון דער ייִדישער ליטעראַרישער טראַדיציע... און דער עיקר, בײַם פֿאַרמעסטן זיך מיט די גומעוואַטע גרענעצן פֿונעם אייגענעם דמיון. אויפֿן הײַיאָריקן שרײַבוואַרשטאַט, וועלן מיר זיך צוזאַמען יאָגן נאָך פּינקטלעכע גראַמען, זשאָנגלירן מיט ליטעראַרישע אויסדרוק־אופֿנים, און אָנקומען פֿאַרסאַפּעטע צו די בילדערישסטע באַשרײַבונגען פֿון אונדזערע געדאַנקען.

כּדי אָנטייל צו נעמען אין דעם וואַרשטאַט, נייטיקט מען זיך נישט אין מער ווי אַ ביסל פֿאַנטאַזיע, זכרונות און שרײַבגעצײַג (אַ פּאָר גאַנץ פּשוטע זאַכן וואָס ליגן בײַ יעדן איינעם אין שטוב). פֿריִערדיקע דערפֿאַרונג מיט שרײַבן אויף ייִדיש איז אָנגעלייגט, נאָר בפֿירוש נישט נייטיק כּדי הנאה צו האָבן פֿון די פֿאָרגעלייגטע געניטונגען. דער וואַרשטאַט וועט אַנטהאַלטן סײַ צײַט פֿאַר פּערזענלעך שרײַבן, סײַ אַ וואַכן שמועס, אין וועלכן די אָנטייל־נעמער וועלן האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו טיילן מיט זייער שאַפֿונג און אויסצודריקן מיינונגען וועגן שאַפֿונגען פֿון אַנדערע. מיר וועלן זיך קאָרמען גײַסטיק און אינספּירירן איינע די אַנדערע, טרעניִרנדיק און אויסציִענדיק אונדזער ליטעראַרישע שטים אויף ייִדיש.